גאווערנער קעטי האקול

**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/14/2025

**גאווערנער האקול שלאגט פאר נייע געדאנקען צו אדרעסירן די האוזינג קריזיס און מאכן רענט און מארטגעדזשעס מער צוגענגליך**

***שלאגט פאר דעם לאנד'ס ערשטע שטאטישע לעגיסלאציע צו אדרעסירן רענט-פרייז פיקסינג קאלוזשאן דורך אלגאריטמס***

***נייע 100 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג אין די פראו-האוזינג קאמיוניטיס פאנד וועט שטיצן קריטישע האוזינג אינפראסטרוקטור***

***שאפט ניו יארק'ס סאמע-ערשטע רעוואלווינג לאון פאנד צו פאראויס שטופן געמישטע-אינקאם רענטל דעוועלאפמענט אינדרויסן פון ניו יארק סיטי***

***מאכט שטארקע אינוועסטירונגען צו באשיצן הילפבארע האוזינג לענגאויס די סטעיט***

***פארשטערקערט געצייג צו אויפשליסן האוזינג דעוועלאפמענט, אריינגערעכנט ווידער אנטוויקלען ליידיגע און היסטארישע פראפערטיס***

***דער גאווערנער'ס 5-יעריגע פלאן צו בויען אדער באשיצן 100,000 דירות פון צוגענגליכע האוזינג איז 50 פראצענט פארענדיגט - פריער פונעם סקעדזשול***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט פארגעשלאגן א שטייפע פלאן צו מאכן באזיצן און דינגען א הויז מער צוגענגליך אלץ טייל פון איר 2025 סטעיט און די סטעיט אדרעס. דער גאווערנער האט פארגעשלאגן צו פארשטארקן די פראו-האוזינג קאמיוניטי פראגראם (Pro-Housing Community Program) דורך אינוועסטירן 100 מיליאן דאלאר צו שטיצן קריטישע האוזינג אינפראסטרוקטור פראיעקטן, שאפנדיג די שטאט'ס ערשטע רעוואלווינג לאון פאנד צו פאראויס שטופן געמישטע-אינקאם רענטל דעוועלאפמענט אינדרויסן פון ניו יארק סיטי, און דורכפירן לעגיסלאציע צו אדרעסירן רענט-פרייז פיקסינג קאלוזשאן דורך לענדלארדס. די פארשלאגן בויען אויף דעם גאווערנער'ס [מעלדונג](#) לעצטע וואך פון נייע שריט צו מאכן היימאייגנטומערשאפט מער צוטריטליך און צוגענגליך פאר אלע ניו יארקער.

"די הויפט סיבה פון אונזער אפארדאביליטי קריזיס איז די שטייגנדע קאסט פון רענט און מארטגעדזשעס, און ניו יארקער דארפן אונזער הילף," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "נאכ'ן דורכפירן א היסטארישע האוזינג אפמאך לעצטע יאר, איז צייט צו ווייטער פארזעצן די קאמף מיט נייע מיטלען צו מאכן די לעבן מער צוגענגליך פאר דינגער און היימאייגנטומער."

גאווערנער Hochul (האקול) האט געארבעט מיט די לעגיסלאטור אויף א [היסטארישע האוזינג אפמאך](#) [אין די לעצטע יעריגע בודזשעט](#), מיט געדאנקען פאר נייע אויפבוי און האט פארשטערקערט דינגער

באשיצונגען. די האויזינג אפמאך בויט אויף גאווערנער Hochul (האקול)'ס היסטארישע 25 ביליאן דאלאר'דיגע, פינף-יעריגע האויזינג פלאן צו שאפן אדער באשיצן 100,000 צוגענגליכע היימען איבער'ן סטעיט, וועלכע האט דערגרייכט די היסטארישע מאמענט פון 50,000 צוגענגליכע הייזער פריער ווי די סקעדזשול. גאווערנער Hochul (האקול) האט אויך צוגעזאגט 1 ביליאן דאלאר צו העלפן ניו יארק סיטי ווערן א "סיטי אוו יעס (City of Yes) פאר האוזינג געלעגנהייט," די מערסט באדייטנדע פראו-האוזינג טויש אין די זאונינג אין די סיטי'ס היסטאריע.

**אויפשליסן לאקאלע דעוועלאפמענט**

**שאפן 100 מיליאן דאלאר ניו יארק סטעיט פראו-האויזינג סופלייז פאנד**
גאווערנער Hochul (האקול) האט אונטערגעשריבן אן עקזעקיוטיוו באפעל אין יולי 2023 צו אוועקשטעלן דעם פראו-האויזינג קאמיוניטי פראגראם, וועלכע אנערקענט און באלוינט לאקאלע רעגירונגען וואס ארבעטן אקטיווערהייט צו עפענען זייער פאטענציאל מיט האוזינג און וואס מוטיגן אנדערע זיי צו נאכמאכן. אין די סטעיט פיסקעל יאר 2025 איינגעפירטע בודזשעט, האט גאווערנער Hochul (האקול) געמאכט די "פראו-האויזינג קאמיוניטי" דעזיגנאציע א פארלאנג צו באקומען ביז צו 650 מיליאן דאלאר אין סטעיט פארטיילונג פראגראמען. אצינד, זענען 270 לאקאלע רעגירונגען געווארן באשטעטיגט, און מער ווי 420 האבן אריינגעגעבן בריוון פון ווילן פון אלע עקן פון ניו יארק סטעיט. צו ווייטער שטיצן לאקאלע רעגירונגען וואס טוען זייער טייל צו אדרעסירן דעם האויזינג קריזיס, וועט גאווערנער Hochul (האקול) שאפן א 100 מיליאן דאלאר פראו-האויזינג סופלייז פאנד פאר באשטעטיגטע פראו-האויזינג קאמיוניטיס צו העלפן מיט קריטישע אינפראסטרוקטור פראיעקטן וועלכע זענען נויטיג צו שאפן נייע האויזינג, אזוי ווי אפפאל און וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען.

**צושטעלן קאמיוניטיס מיט טעכנישע הילף צו ווערן פראו-האויזינג**
אין הילפסמיטלען, טוען געוויסע קאמיוניטיס נישט האבן די מעגליכקייט אויסצושטעלן און אננעמען פראו-האויזינג פאליסיס ווי הויפט פלענער, זאונינג טעקסט אפדעיטס, און געמיינזאמע פראצעדורן פאר פערמיטס. צו העלפן פארזיכערן אז מער קאמיוניטיס וועלכע ווילן פאראויס שטופן האויזינג וואוקס האבן די מעגליכקייט דאס צו טון, וועט גאווערנער Hochul (האקול) צושטעלן נייע גרענט פינאנצירונגען צו אנבאטן טעכנישע הילף צו קאמיוניטיס וואס זוכן פאראויסצושטופן האויזינג וואוקס און פארבינדענע לאקאלע רעגירונג אנטוויקלונג.

**מאכן מער ווירקזאם אינווייראנמענטאלע איבערזיכט פאר באשיידענע האויזינג דעוועלאפמענט**
ניו יארק טוט מאכן מער ווירקזאם רעגולאציעס צו פארשנעלערן די אויפבוי פון מער הייזער פאר פאמיליעס און אינדיווידועלן בשעת'ן איינפירן פארזיכערונגען פאר'ן אינווייראנמענט. גאווערנער Hochul (האקול) וועט פאראויס שטופן פארגעשלאגענע רעגולאציע צו ערלויבן באשיידענע מאס היים אנטוויקלונג, ווי געוויסע מולטי-פאמיליע האויזינג מיט נישט מער ווי 10,000 סקווער פיס פון גראוס ערד מאס, צו פאראויסגיין אלץ 'טיפ 2', וועלכע טוט אנבאטן מער פשוט'ע וועג צו פארענדיגן. די מיטל טוט נישט בלויז פארשנעלערן די אויפבוי פון זייער-נויטיגע הייזער אבער טוט אויך אדרעסירן די קריטישע מאנגל פון צוגענגליכע האויזינג מיט וועלכע פשוט'ע ניו יארקער ספראווענען זיך. דורך מאכן מער ווירקזאם די רעגולעטארי פראצעדור אויף א דורכגעטראכטע אופן קענען מיר פארשנעלערן די צייטליכע דעוועלאפמענט פון האויזינג, מאכנדיג עס מער צוטריטליך פאר פאמיליעס און אינדיווידועלן.

**פארשטערקערן אינוועסטירונג אין קאמיוניטיס**

**אנפאנגען ניו יארק סטעיט'ס ערשטע געמישטע-אינקאם רעוואלווינג לאון פאנד**
מיט גרויסע אויפקומנדע עקאנאמישע אינוועסטירונגען אין אפסטעיט ניו יארק, אזוי ווי Micron'ס 100 ביליאן דאלאר אינוועסטירונג אין קלעי (Clay), טוט די סטעיט פארזעצן צו דארפן אלע פון די

איבנדערמאנטע צוגענג צו די האויזינג סופליי צו אדרעסירן שטארקע האויזינג געברויכן און אקאמאדירן דזשאב וואוקס. צו אפט, אבער, האבן אפסטעיט קאמיוניטיס נישט די געצייג צו שאפן געמישטע אינקאם רענטל האויזינג, לאזנדיג פילע דעוועלאפמענטס גרייט פאר פערמיטס אבער נישט קענענדיג פארזיכערן פינאנצירונג. צאמצוברענגען די לאך און אויפשליסן מער האויזינג, וועט גאווערנער Hochul (האקול) שאפן די סטעיט'ס ערשטע רעוואלווינג לאון פאנד צו פאראויס שטופן געמישטע-אינקאם רענטל דעוועלאפמענט אינדרויסן פון ניו יארק סיטי. די פאנד וועט פארמאכן בויערייי פינאנצירונג לעכער דורך צושטעלן א ביליגערע און מער בויגזאמע אופן פון קאפיטל ווי די וועלכע איז אין אלגעמיין אוועילעבל אין מארקעט פינאנצירונג. די פינאנצירונג וועט זיך דרייען און זיך זעלבסט אויסצאלן מיט די צייט דורך צוריקצאלונגען איינמאל פראיעקטן האבן זיך געטוישט צו פערמענאנטע פינאנצירונג נאך בויעריי.

**דאפלטע ניו יארק סטעיט נידריגע אינקאם האויזינג קרעדיטס**
נאכגעמאכט נאך די פעדעראלע נידריגע אינקאם האויזינג שטייער קרעדיט פראגראם, איז די ניו יארק סטעיט נידריגע אינקאם האויזינג שטייער קרעדיט פראגראם ( New York State Low Income Housing Tax Credit Program, SLIHC) אריינגעשריבן געווארן אין געזעץ אום 2000 און איז געווען קריטיש צו שטיצן די אנטוויקלונג פון האויזינג פאר נידריגע און מיטל-אינקאם הויזגעזינדס. גאווערנער Hochul (האקול) וועט בויען אויף די ערפאלג דורך פארשלאגן צו פארטאפלען די סומע פון די שטייער קרעדיטס אוועילעבל דורך די SLIHC פראגראם, מאכנדיג עס די גרעסטע סטעיט נידריגע-אינקאם האויזינג שטייער קרעדיט פראגראם אין אמעריקע. די שריט אליין וועט שאפן מער ווי 210 מיליאן דאלאר אין פריוואטע אינוועסטירונג אין צוגענגליכע האויזינג יעדעס יאר.

**אויפשליסן היסטארישע שטייער קרעדיטס דורך אפזונדערן און פארבייטערן בארעכטיגונג**
אצינד, טוט ניו יארק סטעיט געזעץ פארלאנגען פעדעראלע און סטעיט היסטארישע שטייער קרעדיטס צו גיין צוזאמען מיט די זעלבע אינוועסטירער און בלויז זיין אוועילעבל אין געוויסע צענזוס ערטער. די פאקטארן נידערן די עקאנאמישע ווערט פון ביידע שטייער קרעדיטס און טוען אומנויטיג אוועקקערן אינוועסטירונג פון האויזינג פראיעקטן, א פראבלעם וועלכע שפירט זיך שטארק אין אפסטעיט ניו יארק קאמיוניטיס. גאווערנער Hochul (האקול) וועט פארשלאגן לעגיסלאציע וועלכע קען אויפשליסן די מאקסימום ווערט פון די שטייער קרעדיטס און אוועקנעמען די צענזוס ארט בארעכטיגונג פארלאנג.

**ערמוטיגן קאמיוניטיס צו ווידער אנטוויקלען ליידיגע פראפערטיס צו האויזינג**
פילע לאקאלע רעגירונגען מוטשענען זיך צו באקומען און ווידער אנטוויקלען ליידיגע און פארלאזטע געביידעס. פילע פון די פראפערטיס זענען אין אן ערנסטן שטאפל פון נאכגעלאזטקייט צוליב יארן פון פארנאכלעסונג און געפונען זיך אין געגנטער וועלכע האבן נישט די לאקאלע עקאנאמישע צושטאנדן נויטיג צו מאכן ווידער אנטוויקלונג ווערטפול פאר די פריוואטע סעקטאר. דעראיבער, קען די אינוועסטירונג פארלאנגט צו ווידער אנטוויקלען די פראפערטיס איבערשטייגן די ווערט און די נאכפאלגנדע פינאנצירונג לאך פארמיידט די פראפערטי פון ווערן פאררעכטן. גאווערנער Hochul (האקול)l וועט בעסער העלפן קאמיוניטיס צוריקצוקומען אנטקעגן פארנאכלעסונג און שאפן מער צוגענגליכע האויזינג געלעגנהייטן, סיי דורך פארשלאגן צו פארשטערקערן עקזיסטירנדע לאקאלע רעגירונג מאכט צו באקומען ליידיגע און פארלאזטע געביידעס און דורך פארשלאגן צו ערלויבן לאקאלע רעגירונגען לענגאויס די סטעיט צו אננעמען א שטייער אויסנאם צו מאכן ווידער אנטוויקלונג פון די פראפעטיס צו צוגענגליכע הייזער ווערטפול.

<u>**באשיצן האויזינג צוגענגליכקייט**</u>

**פאבאטן קאלוזשאן באנוץ פון אלגאריזם-ערמעגליכטע רענט פרייז פיקסן**
ריעל-עסטעיט מענעדזשמענט סאפטווער סערוויסעס נוצן אייגנטומער אינפארמאציע פון זייער קליענט באזע צו אגרעסיוו שטופן לענדלארדס צו הייבן רענטס אפילו ווען א העכערונג אין סופליי אדער א

ווייכקייט אין די מארקעט וועט ארגאניש נידערן פרייזן. לעצטיגע אינפארמאציע צייגט אז פרייז פיקסן אלגאריזמס קאסטן דינגער לענגאויס די לאנד א געשאצטע 3.8 ביליאן דאלאר מער אין געהעכערטע רענטס לעצטע יאר אליין. די סאפטווער פירמעס מאכן נישט קיין סוד אז די אלגאריזמס זענען מיט די כוונה צו העכערן רענטס, מיט געוויסע וועלכע טוען אפן מעלדן אז זיי קענען העלפן פראפערטי אייגנטומער איבערשטייגן די מארקעט, וואס טוט באווירקן אין אומריכטיגע האויזינג מארקעט באררעכטונג און טוט מאכן שאדן פאר דינגער בשעת א היסטארישע האויזינג סופליי און אפארדאביליטי קריזיס. גאווערנער Hochul (האקול) וועט נעמען שריט צו באשיצן דינגער פון די שריט דורך פארשלאגן א שטאטישע פארבאט אויף די פארקויף אדער באנוץ פון רענט פרייז-פיקסן סאפטווער.

**פארמינערן שעלטער רענט שטייער פאר מיטשעל-לאמא איינוואוינער**
מיטשעל-לאמא (Mitchell-Lama Program) פראגראם שטיצט 105,000 דירות פון האויזינג וועלכע זענען צוגענגליך פאר נידריגע- און מיטל-אינקאם פאמיליעס. אצינד, קענען מיטשעל-לאמא דעוועלאפמענטס ערהאלטן א שעלטער רענט שטייער אבעיטמענט צו נידערן זייער טייל פון לאקאלע פראפערטי שטייערן. אבער, די יעצטיגע שטייער אבעיטמענט איז אפט נישט גענוג צו אדרעסירן שטייגנדע העכערונגען אין אינשורענס, יוטיליטי, און שטייער וואס לייגט די געביידע קוואליטעט אין א סכנה ווי אויך די פינאנציעלע וואוילזיין פון די קריטישע סופליי פון צוגענגליכע האויזינג. צו געבן שטארק-געפאדערטע הילף, וועט גאווערנער Hochul (האקול) פארשלאגן לעגיסלאציע וואס וועט פארמינערן מיטשעל-לאמא שעלטער רענט שטייערן מיט כאטש האלב אין ניו יארק סיטי און ערלויבן פאר די זעלבע דורך לאקאלע אפט-אין אין די רעשטע פון די סטעיט.

**פארברייטערן קאפיטל צו אויפהאלטן און פארבעסערן שטיצנדע האויזינג**
די היימלאזע האויזינג און הילף פראגראם ( Homeless Housing and Assistance Program, HHAP) איז געווען צווישן די ערשטע פראגראמען אין די לאנד מער ווי פערציג יאר צוריק צו פארזיכערן באדייטענדע קאפיטל הילפסמיטלען צו שאפן האוזינג, אריינגערעכנט פערמענאנטע צוגענגליכע און הילפבארע האויזינג, ספעציעל פאר היימלאזע אינדיווידועלן. צענדליכע טויזנטע דירות זענען געבויט געווארן זייט איר איינפיר, און היינט, טוען פארלאנגען פאר פינאנצירונג איבערשטייגן דאס וואס איז אוועילעבל. כדי נאכצוקומען די וואקסנדע פארלאנג פאר הילפבארע האויזינג און אויפהאלטן יעצטיגע דירות וואס שטעלן צו א פארזיכערטע פלאץ צו וואוינען פאר פילע פון די מערסטע האויזינג אומפארזיכערטע און עמפינדליכע ניו יארקער, וועט גאווערנער Hochul (האקול) פארמערן פינאנצירונג פאר HHAP.

**פארמערן פינאנצירונג פאר הילפבארע האויזינג**
גאווערנער Hochul (האקול) האט געמאכט היסטארישע אינוועסטירונגען צו פארברייטערן הילפבארע האויזינג לענגאויס ניו יארק סטעיט, אנערקענענדיג אז סטאבילע האויזינג איז די גרונט פאר א שטייפע געזונטע און א סטאבילע לעבן. פראווײדערס פון שטיצנדע האויזינג נוצן צוויי שליסל סטעיט-פינאנצירטע פראגראמען צוצושטעלן וויכטיגע סערוויסעס פאר צענדליגע טויזנטע ניו יארקער, אזוי ווי מענטשן מיט ערנסטע גייסטישע קראנקהייטן און סובסטענץ באנוץ פראבלעמען וועלכע וואלטן געווען היימלאז אן דעם. די עמפייער סטעיט סופארטיוו האויזינג איניציאטיוו ( Empire State Supportive Housing Initiative, ESSHI) האט פינאנצירט די הילפבארע סערוויסעס און אנפירונג קאסטן פון איבער 9,600 דירות פון פארזיכערטע און פערמענאנטע האויזינג פאר אינדיווידועלן און פאמיליעס אין נויט, און די ניו יארק סטעיט סופארטיוו האויזינג פראגראם (New York State Supportive Housing Program, NYSSHP) שטיצט איבער 20,000 מענטשן וואס וואוינען פארזיכערט און סטאביל אין צוגענגליכע האויזינג. פונדעסטוועגן, פראווײדערס פון הילפבארע האויזינג זענען נישט געווען אויסגעשלאסן צו די באווירקונג פון שטייגנדע קאסטן, וועלכע באדראעט צוקונפטיגע האויזינג ערהאלטונג און זייער מעגליכקייט צוצושטעלן די הילפבארע סערוויסעס וואס מאכן די פראגראמען אייגנטארטיג און ערפאלגרייך צו העלפן מענטשן פארבלייבן אין סטאבילע הייזער. גאווערנער Hochul (האקול) וועט נעמען שריט צו

פארשטארקןביידע פראגראמען, כדי צו פארזיכערן אז ניו יארק סטעיט'ס הילפבארע האוזינג סטאק און סערוויסעס פארבלייבן דא און צוטריטליך פאר די וואס דארפן זיי די מערסטע.

**פארלענגערן סעקיוריטי דעפאזיט באשיצונגען צו רענט-רעגולירטע דינגער**
אין 2019, האט ניו יארק סטעיט צוגעשטעלט מארקעט-ראטע דינגער לענגאויס די סטעיט באשיצונגען פאר סעקיוריטי דעפאזיטס, אריינגערעכנט פארלאנגען די צוריקקער פון פארבליבענע סעקיוריטי דעפאזיטס אינערהאלב 14 טעג פון פארלאזן דעם דירה און ערלויבן דינגער צו פארלאנגען אן איבערזיכט צו באשטימען וואס דארף פארראכטן ווערן כדי צוריקצובאקומען די גאנצע סעקיוריטי דעפאזיט. רענט-רעגולירטע דינגער זענען בטעות ארויסגעלאזט געווארן פון ערהאלטן די וויכטיגע באשיצונגען. דער גאווערנער וועט פארשלאגן לעגיסלאציע צו שענקען רענט-רעגולירטע דינגער די זעלבע באשיצונגען פאר זייער סעקיוריטי דעפאזיטס ווי אלע אנדערע דינגער.

**העלפן צוגענגליכע האויזינג האבן צוטריט צו קעפטיוו אינשורענס כדי צו נידערן קאסטן**
אינשורענס קאסטן פאר צוגענגליכע האויזינג זענען געשפרינגען, מיט פילע אייגנטומער וואס באצאלן העכערע פרימיומס פאר ווייניגער דעקונג און דינגער טראגן די פאראנטווארטליכקייט פאר א שטייגנדע טייל פון קאסטן. אין לעצטיגע יארן, האבן פריוואטע אינשורענס קעפטיווס, וועלכע זענען ענליך צו זעלבסט-אינשורענס און ערלויבן אייגענע ריסק אנפירונג, זענען ספעציפיש געשאפן געווארן פאר צוגענגליכע האויזינג אייגנטומער. פונדעסטוועגן, די אינשורענס קעפטיווס האבן אפטמאל בארעכטיגונג סטאנדארטן פאר אנטיילנעמונג, וועלכע נאן-פראפיטס קענען זיך ספראווען נאכצוקומען. גאווערנער Hochul (האקול) וועט צושטעלן הילף צו נאן-פראפיט צוגענגליכע האויזינג אייגנטומער אונטערצונעמען פאררעכטונגען און אנדערע שריט נויטיג צו זיין בארעכטיגט פאר די קעפטיווס.

**ניו יארק סטעיט היימען און געמיינדע באנייאונג קאמישאנער ( New York State Homes and Community Renewal ) RuthAnne Visnauskas (רוטענע וויסנאוסקאס) האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט פארבלייבט אנטשלאסן צו קעמפן דעם האויזינג קריזיס. אנגעהויבן פון א נייע געמישטע-אינקאם רעוואלווינג לאון פאנד צו געדאנקען צו פארמערן סופליי און האלטן קאסטן נידריג פאר דינגער, וועלן די שעפערישע פאליסיס און פינאנצירונג פארשפרעכונגען העלפן פאמיליעס טרעפן צוגענגליכע הייזער אין קאמיוניטיס לענגאויס די סטעיט. מיר דאנקן גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר שטייפע אויסקוק אויף האויזינג און איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט אונזערע שותפים אויף די פאליסיס."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף קאמישאנער ( New York State Office of Temporary and Disability Assistance ) Barbara C. Guinn (בארבארא ק. גווין) האט געזאגט,** "מיר דאנקן גאווערנער Hochul (האקול) פאר די באדייטענדע פארמערטע אינוועסטירונג אין צוגענגליכע און הילפבארע האויזינג צו העלפן עמפינדליכע ניו יארקער וועלכע זענען דורכגעגאנגען היימלאזיגקייט זיין געזונט, פארזיכערט, און אין סטאבילע הייזער. נייע און פארגעזעצטע אינוועסטירונגען אין די אנטוויקלונג, אפהיטונג, און אנפירונג פון הילפבארע האויזינג וועט האבן א באדייטענדע פאזיטיווע באווירקונג אויף אונזערע אנגייענדע באמיאונגען צו אדרעסירן היימלאזיגקייט און בענעפיטירן קאמיוניטיס דורכאויס די סטעיט."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן